# קאַפּיטעלעך יידיש

פון ד״ר הירשע־דוד קאַץ (אָקספאָרד אוניווערסיטעט)

## וואו איז רייסן?

דעם פאַרגאַנגענעם זומער האָט ד״ר העשיל קלעפּפיש אין צוויי גאָר באַלערנדיקע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" אַרומגערעדט די געשיכטע פון יידן אין רייסן (18טן און 25טן אויגוסט, 1995). ער ווייזט אָן, אַז אומזיסט וועט מען אַזאַ לאַנד גיין זוכן אין די אַטלאַסן און געשיכטע־ביכער. ס׳איז אַן אינערלעך־יידישער באַגריף, וואָס כאַראַקטעריזירט די יידיש־אַשכנזישע קולטור.

פאַראַן אַנדערע יידיש־געאָגראַפישע באַגריפן, צווישן זיי — דאָס וואָרט „אַשכנז" גופא. לכתחילה האָט דאָס געמיינט „דייטשלאַנד", נאָר אין גאַנג פון די דורות איז עס געוואָרן אַ באַצייכענונג פאַר די אַלע לענדער אין צענטראַל און מזרח אייראָפּע וואו די אַשכנזים האָבן זיך באַזעצט. ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט מאַקס ווײַנרייך: „די געאָגראַפיע איז מגולגל געוואָרן אין געשיכטע".

דאָס הייסט, אַז געאָגראַפישע באַצייכענונג האָט באַקומען אַ נייעם באַדייט ווי אַ פועל־יוצא פון דער געשיכטע. אָבער אַ באַדייט אַ קלאָרער, זאָל זיין אַן איבערגעאַנדערשטער, איז פונדעסטוועגן פאַראַן, דאָ אויף דער וועלט.

וואו איז אָבער רייסן?

רייסן (אַרויסגערעדט: ראַיסן) דעקט זיך טאַקע מיט טיילן פון דער הײַנטיקער בעלאַרוסיע. נאָר באַלד אויף אַן אָרט דאַרף מען אָפּוואַרפן די השערה, אַז „רייסן איז בעלאַרוסיע". די הײַנטיקע גרענעץ צווישן ליטע און בעלאַרוסיע איז נישט מער ווי סטאַלינס אַ מאַכאַרייקע פון 1940. (נאָכדעם ווי ליטע האָט דעמאָלט „געוויילט" צו ווערן אַ סאָוועטישע רעפּובליק, האָט סטאַלין צוגענומען דעם סווינציאַנער געביט ביי די ווייסרוסן און אָוועקגעגעבן ליטע אַ „מתנה". אַדאָס איז די צווישן־רעפּובליקן גרענעץ וואָס איז אין 1991, ביים פונאַנדערפאַל פון סאָוועטנפאַרבאַנד, געוואָרן די מלוכהשע גרענעץ צווישן ליטע און בעלאַרוסיע.)

אין די יאָרן צווישן די ביידע וועלט־מלחמות איז ווייסרוסלאַנד (ד. ה. די ווייסרוסלענדישע רעפּובליק פון ראַטנפאַרבאַנד), געווען היפּשלעך קלענער איידער די הײַנטיקע בעלאַרוסיע. דער מערבדיקער געביט, דערגרייכנדיק ביז נישט ווייט פון מינסק, האָט דעמאָלט געהערט צו פּוילן (וואָס האָט דעם שטח פאַרכאַפּט צום סוף פון דער ערשטער וועלט מלחמה). אין אַ גרויסער מאָס דעקט זיך אָט דער שטח מיטן מזרח׳דיקן טייל פון דער אַמאָליקער ווילנער גובערניע פון צאַרישן רוסלאַנד.

דאָ ווערט שוין קשה. ווילנער גובערניע, מיט ווילנע ווי די גובערנסקע קרוינשטאָט, איז דאָך באַקאַנט ביי יידן ווי דאָס סאַמע „האַרץ און נשמה" פון ליטע; טאַקע פון ליטע, נישט פון רייסן, און נישט פון טערקיי...

אָבער אויך „ליטע" איז אַ יידיש־היסטאָרישער באַגריף. ס׳נעמט אַרום אָן אַ שיעור אַ גרעסערן שטח איידער די הײַנטיקע אומאָפּהענגיקע ליטע, און אַוודאי אַ סך מער איידער די „קאָוונער ליטע" פון צווישן די מלחמות. מען דערציילט אַן אַנעקדאָט, אַז ביי דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ד״ר ש. ראָזענבוים, מיטגליד אין דער ליטווישער דעלעגאַציע, געפאָדערט פאַר ליטע (מיט אַ יידישן שמייכל) די אַלע געביטן וואו עס לעבן די ליטוואַקעס...

ערנסט גערעדט, דאַרף מען טאַקע האַלטן פאַרן אויג, אַז אויך די יידן פון רייסן זיינען — ליטוואַקעס. זיי ריידן דעם ליטווישן יידיש. פונקט ווי אין אַלע יידישע דיאַלעקטן זיינען דאָ אויך אין ליטווישן אינעווייניקסטע אונטערשיידן. די „רייסישע" שטריכן זיינען קוים אַן אָנווייז אויף אַ באַזונדערן דיאַלעקט. אַחוץ דעם, האָבן פאַרשיידענע איינצלנע שטריכן פאַרשידענע גרענעצן. פאָרנדיק צו מזרח־צו פון ווילנע, האָט מען געקענט הערן „עווער" (אויף ׳אויער׳) אַ סך פריער איידער „זעכציק־פיר" (אויף ׳64׳).

וואָס דאַרף מען נאָך, אַז די באַוואוסטע ליטווישע ישיבה־שטעט וואָלאָזשין, מיר, קלעצק און נאָוואַרעדאָק געפינען זיך גאָר אין דער הײַנטיקער בעלאַרוסיע? די שיטה וואָס ווערט גענוצט עד היום אין די אַלע ישיבות איבער דער וועלט וואָס רופן זיך „ליטווישע" שטאַמט דאָך פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, וואָס ס׳האָט אויפגעשטעלט ר׳ חיים וואָלאָזשינער, דעם ווילנער גאונס תלמיד.

אין אַמאָליקן יידישן פאָלקלאָר האָט אַ „ליטוואַק" געהייסן אַ ייד פון איינער פון „די זיבן גובערניעס" — ווילנער, קאָוונער, קורלענדער, גראָדנער, מינסקער, וויטעבסקער, מאָהילעווער. די לעצטע פיר זיינען הײַנט אין — בעלאַרוסיע. איז ווי אַזוי דערגייט מען אַ טאָלק?

* * *

ערשטנס, מיטן פּשוטן שׂכל הישר; מ׳קען באַנעמען רייסן ווי אַ געוויסן טייל פון „ליטע אין ברייטערן זין" (פונקט ווי אַמאָליקע יאָרן „זאַמעט" אין ווייטן מערב פון ליטע), להיפוך צו „ליטע אין ענגערן זין".

פון דעם „פּנקס מדינת ליטא" פון זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט ווערט קלאָר, אַז נאָכדעם ווי „די ליטווישע קהילות אין ברייטערן זין" האָבן זיך אין 1623 אָפּגעזונדערט פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידישן „ועד", האָבן די מזרחדיקע קהילות וואָס צווישן זיי, זיך אַליין געריסן צו אויטאָנאָמיע פון „די ליטווישע קהילות אין ענגערן זין". אין דער באַוואוסטער „תקנת רמ״ח [248]" פונעם „פּנקס" (וואָס שמעון דובנאָוו האָט אַרויסגעגעבן אין בערלין אין 1925), שרייבט זיך: „וכן גליל מינצק וארץ רוס ואגפיו יש להם ג״כ דין גליל מיוחד" (׳אַזוי אויך די פּראָווינץ פון מינסק און רוסלאַנד [רייסן?] און זיינע פליגל האָבן אויך דעם דין פון אַ באַזונדערע פּראָווינץ׳).

אין דער קולטור־געשיכטע פון די לעצטע דורות איז תמיד וויכטיק אויך אויסצופרעגן ביי מענטשן פון יענע מקומות. אַזוי האָבן מיר געטאָן.

ביי יידן אונטער די אַכציק, איז שווער געווען צו געפינען כאָטש איינעם וואָס זאָל וויסן וואָס איז דאָס „רייסן"... „רייסן רייסט מען פאַר קיינעם ניט געדאַכט קריעה!" האָט אונדז גוטמוטיק אַריינגעזאָגט אַ ווילנערין.

ביי יידן איבער די אַכציק וואָס

(שלוס אויף זייט 22)

## אַ ביסל געשיכטע פון דעטראָיטער יידיש קולטור־קלוב

מיט כמעט אַ צוויי צענדליק יאָר צוריק האָט אַ גרופּע ענטוזיאַסטן (געוועזענע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע), טרייע ליבהאָבערס פון מאַמע־לשון, געגרינדעט אין אָוק־פּאַרק (דעטראָיט), ביי דעם היגן קהילה־צענטער, אַן אייגענעם יידיש־קלוב. צווישן די אַקטיווע גרינדערס און אָנפירערס איז געווען די משפחה דרוקער — טשאַרלס (ישעיה) ע״ה און זיין פרוי פרענסיס (פייגע). חוץ ליטעראַריש־מוזיקאַלישע פּראָגראַמען פלעגט מען אין דעם קלוב דורכפירן פריילעכע, קאָלעקטיווע אָפּרו־טעג, אַלערליי פייערונגען און משפּחהדיקע ימים־טובים.

דער קלוב האָט פאַרמאָגט הויך־קוואַליפיצירטע און טאַלאַנטירטע אָרגאַניזאַטאָרן, רעדנערס, רעציטאַטאָרן, זינגערס און אַלערליי קינסטלער. דער קלוב איז געווען רייך — גייסטיק און פינאַנציעל.

די וויכטיקסטע זאַך וואָס האָט דעם קלוב אויסגעפעלט די אַלע יאָרן (און פעלט אים אויך עד־היום) איז אַ יידיש־רעדנדיקע יוגנט, אוהבי־יידיש פון יונגן דור. דער אַסימילאַציע־וואָרעם שעדיקט פיל דעם יידישן פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט און אויך אין אַמעריקע.

אין פעברואַר, 1989, איז געשטאָרבן דער חשובער קלוב־פּאָרזיצער, מר. טשאַרלס דרוקער. נאָך זיין טויט זיינען אויך געווען טאַלאַנטירטע, געטרייע און הויכגעבילדעטע קלוב־פּאָרזיצערס.

מיט דער צייט אָבער איז די טעטיקייט פון קלוב געוואָרן אַלץ מער און מער אָפּגעשוואַכט און פאַרקלענערט. די צייט האָט אָנרחמנותדיק געמאַכט די רייען שיטערער, גרויער, שוואַכער און אָן דערפרישונגס־כוחות.

זומער, 1992, איז דער דעמאָלסדיקער פּאָרזיצער, סאָל גרענאַדיר, אַ בכבודיקער וואָלונטיר, ערנסט קראַנק געוואָרן און — נאָך אַ קורצער צייט — געשטאָרבן. דאָס זעלבע זיין פרוי. דער יידיש־קלוב איז פאַריתומט געוואָרן. ס׳איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל איבערנעמען די פירערשאַפט. געבליבן ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך.

דאַן האָט די מיטגרינדערין, מרת פרענסיס דרוקער, צונויפגערופן דאָס ביסל מיטגלידער; אַרומגערעדט די שווערע לאַגע, און מען האָט מיך דערוויילט אַלס קלוב־פּאָרזיצער.

עס האָט זיך דערנענטערט דער 12טער אויגוסט, 1992 — דער 40סטער יאָרצייט נאָך דעם גזלנישן דערשיסן די באַרימטסטע יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס אין דער מאָסקווער לוביאַנקע־תּפיסה.

צוזאַמען מיט עטלעכע גוטע פריינד, אויך ניי־געקומענע נרדפים (בעזשענצעס) — ווי איך — פונעם געוועזענעם ראַטנפאַרבאַנד, האָבן מיר דורכגעפירט אַן עמאָציאָנעלע, ליטעראַריש־מוזיקאַלישע פּראָגראַם. די צוהערערס זיינען געווען — נישט נאָר היגע תושבים, נאָר אַ סך בעזשענצעס, וועלכע פאַרשטייען אַביסל יידיש. דער זאַל איז געווען אָנגעפּאַקט, פול. מיין באַריכט אויף דער אָנגעווייטיקטער טעמע איז אויסגעהערט געוואָרן מיט טרערן אין די אויגן. עס זיינען אויך אַרויסגעטראָטן אַנדערע ניי־געקומענע מיט ליטעראַרישע שאַפונגען פון די קרבנות — הרוגי־לוביאַנקע — ווי אויך זינגערינס מיט לידער, צוגעפּאַסטע צו דעם יאָרצייט.

דער רעאָרגאַניזירטער קלוב האָט געמאָלדן דעם עולם, אַז מיר שטרעבן אַז די יידיש־שפּראַך זאָל זיין די בריק, וועלכע וועט פאַראייניקן און באַפריינדן צוויי קאַטעגאָריעס יידן: די תושבים, וועלכע פאַרשטייען נישט קיין רוסיש און די „בעזשענצעס" פון געוועזענעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע פאַרשטייען נאָך נישט קיין ענגליש.

אַזוי האָבן מיר באַנייט די אַרבעט פון אונדזער יידיש־קלוב.

אַ דאַנק די קלוב־גרינדערס, דער טרייער משפּחה דרוקער, און אונדזערע פיל חשובע מיטקעמפערס און גוטע פריינד, זעצט אונדזער קלוב פאָר זיין אַקטיוויטעט אַלע סעזאָנען פונעם יאָר, לטובת אונדזער ליב מאַמע־לשון.

**חיים ראָזענטאַל,**
פאָרזיצער פונעם יידיש קולטור־קלוב, דעטראָיט.

## פאַר וואָס איך לערן זיך יידיש

(פונעם נייעם נומער „דער יאַפּאַנישער ייד" פון טאָקיאָ יידיש־קלוב)

### דזשוניאַ יוסף אַקאַישי

איך שטעל זיך פאָר, אַז איר וואונדערט זיך פאַר וואָס אַ יאַפּאַנער — אַן איינוואוינער פון אַן אינדזל אינעם ווייטן מזרח — זאָל זיך לערנען יידיש. כמעט יעדער ייד וואָס איך טרעף פרעגט מיך די זעלבע פראַגע. כאָטש עס זיינען פאַראַן אַ סך געלעגנהייטן פאַר יאַפּאַנער זיך צו באַקענען מיט יידישער קולטור, האָבן ווייניק פון אונדז די געלעגנהייט זיך צו לערנען יידיש אין יאַפּאַן. אינעם דאָזיקן אַרטיקל וועל איך אייך דערציילן פאַר וואָס איך טו דאָס.

איך שרייב לידער. האָב איך געדאַרפט זוכן אַ קאָנקורענט. איך האָב געהאַלטן אין איין זוכן: סטעגאַן מאַלאַרמע, פּאָול וואַלערי, ט. ס. עליאָט... און איך האָב אים סוף־כל־סוף געפונען! איך זאָג אייך, אַז לויט מיין מיינונג איז דער בעסטער נאָך־מלחמהדיקער דיכטער אין אייראָפּע אַ רומענישער ייד, פּאָול צעלאַן. ער שטאַמט פון טשערנאָוויץ. זיינע לידער זיינען פול מיט יידישקייט. אָבער צוערשט האָב איך גאָרנישט געוואוסט וועגן יידישקייט. איך האָב גאָר באַוואונדערט זיינע לידער, וואָס ער האָט געשריבן אויף דייטש. און דעמאָלט איז מיין ציל באַשטימט געוואָרן — שרייבן פּאָעזיע בעסער ווי פּאָול צעלאַן!

אָבער כדי צו שרייבן לידער בעסער ווי פּאָול צעלאַן האָב איך געדאַרפט טיף שטודירן זיינע לידער, נישט נאָר זייערע שפּראַכיקע סטרוקטורן אָבער אויך זייער יידישע נשמה. האָב איך אָנגעהויבן צו לערנען יידישקייט. איך האָב געלייענט חומש אינעם העברעאישן אָריגינאַל אין דער אייבערשול פון סאָפיאַ־אוניווערסיטעט אין טאָקיאָ. איך האָב אויך געקויפט גמרא און מדרש. און איך האָב אָנגעהויבן גיין אין שול פון טאָקיאָ, וואו איך האָב זיך געטראָפן מיט מיין לערער ר׳ יאַנקל האַלפּערן און אָנגעהויבן זיך לערנען יידיש מיט זעקס חדשים צוריק.

וואָס איז אַפילו מער מאָדנע ווי אַ יאַפּאַנער וואָס לערנט זיך יידיש איז דער פאַקט, אַז עס איז מעגלעך זיך צו לערנען יידיש אין יאַפּאַן פון אַזאַ וואונדערלעכן און פריילעכן לערער ווי ר׳ יאַנקל האַלפּערן. איך גלייב, אַז ווען ס׳וואָלטן געווען אַ סך לערערס ווי ער, וואָלטן אפשר אַ סך נישט־יידן אין אַזיע זיך אויסגעלערנט רעדן מאַמע־לשון.

איין טאָג וויל איך לייענען אַלע לידער געשריבן אויף יידיש! און איך וויל איבערזעצן נישט נאָר די לידער פון פּאָול צעלאַן, נאָר אויך שיינע יאַפּאַנישע לידער אויף יידיש. די יאַפּאַנישע רעגירונג טויג טאַקע נישט, אָבער יאַפּאַן האָט אַ סך גוטע לידער!

יידיש איז מיר געפעלן. איך ווייס נישט פאַר וואָס. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז די שפּראַך פאַר מיר. נו, האָב איך שוין אַ ביסל געביטן מיין ציל, דאָס הייסט, שרייבן לידער בעסער ווי פּאָול צעלאַן — אָבער אויף יידיש!

פּראָצענט קעגן. אָבער די גרופּע וועלכע האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטן ענטפער אויף דער פראַגע איז גאָר געוואַקסן נאָך די סעמינאַרן פון 13.5 אויף 20.5 פּראָצענט.

וואָס קען מען לערנען פון דעם עקספּערימענט אין אָוסטין, טעקסאַס? ערשטנס, אַז אַ היפּשע צאָל ווײַלער (אַרום 10־15 פּראָצענט) וואָלטן געביטן זייער שטעלונג, אויב זיי וואָלטן געקראָגן גענויע אינפאָרמאַציעס און גענוג צייט דאָס איבערצוטראַכטן. דאָס איז טאַקע אומגעפער די צאָל וואָס באַשטימט דעם אויסגאַנג פון וואַלן. אָבער וויפל אַזעלכע פיר־מיליאָניקע קאָנווענשאָנס קענען אָרגאַניזירט ווערן צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל?

אַ צווייטע לעקציע איז, אַז דער גרעסטער טייל מענטשן האַלטן זיך ביי זייערע פריערדיקע שטעלונגען, נישט געקוקט אויף דעם וויפל נייע אינפאָרמאַציע זיי וועלן קריגן. אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין. □

# וואו איז רייסן?

(שלוס פון זייט 13)

געדענקען יאָ דאָס וואָרט, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז „רייסן" איז אַ רעלאַטיווער באַגריף. שיער נישט יעדערער האָט פאַרזיכערט, אַז „מיין שטעטל האָט זיך גערעכנט ליטע. אַ ביסעלע ווייטער־צו איז שוין געווען רייסן". אין ווייטן פּאָלאָצק (אַזש אין וויטעבסקער גובערניע, ד. ה. לכל הדעות „טיף ווייסרוסלאַנד") האָט אונדז אַ ייד אַ 93ער פאַרזיכערט, אַז „דאָ איז געווען ליטע, רייסן איז אין – סיביר". אַפּנים שפּילט דאָ אַ ראָלע דער היסטאָרישער פּרעסטיזש פון ליטע און דער פאָלקס־אימאַזש פון שיער נישט אוניווערסאַלער געלערנטקייט.

אָבער אַפילו אין דער רעלאַטיווקייט קען מען אויסזוכן רעשטלעך פון אַן אַמאָליקן סימן פון אַן אינעווייניקסטער גרענעץ אין תחום פון ליטווישן יידנטום גופא. אַזאַ מין סימן האָבן מיר געפונען סך־הכל ביי אַ דריי־פיר יידן. מיר וועלן זיך דאָ באַנוגענען מיטן ציטירן איין גביית־עדות.

אין סווינציאַן, ליטע (עטלעכע און פופציק מייל צפון־מזרח צו פון ווילנע), האָט אונדז איבערגעגעבן די באַליבטע יידישע קולטור־טוערין בלומע כ"ץ, אַז ביי איר מאַמע, פרומע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף גאַוויקען אין 1885, איז געווען אָט וועלכע געאָגראַפיע: גאַוויקען, איגנאַלינע און קאָלטניאַן זיינען נאָך ליטע; סווינציאַנקע (ניי־סווינציאַן) און סווינציאַן זיינען שוין רייסן. פאַרוואָס? ווייל די קריסטן אין די ערשטע שטעטלעך זיינען געווען דער עיקר ליטווינער, און האָבן גערעדט ליטוויש. אין די לעצטע דערמאָנטע שטעטלעך האָבן די קריסטן גערעדט מערסטנטייל סלאַוויש (ווייסרוסיש, פויליש, רוסיש).

(המשך אין קומענדיקן נומער פון „אין דער וועלט פון אידיש")

# ייוואָ האָט באַקומען

(שלוס פון זייט 12)

אויף איגנאַטאָווער געסל און זיי באַהאַלטן אונטער אַ קופּע אַקטן. אין די קאַסטנס, וואָס איך האָב שפּעטער געעפנט, געפינט זיך דער טאָג־בוך פון פּיאָטר דעם גרויסנס דינער, אַלטע קירכלעכע כראָניקס פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט, בילדער פון רעפּין, לעוויטאַן און פיל אַנדערע מוזעאַלע ווערטן. אַ טייל פון די אויסגערעכנטע מאַטעריאַלן האָב איך דערנאָך אַריבערגענומען און פאַרגראָבן אין געטאָ.

איך האָב עס געטאָן דערפאַר, ווייל איך בין נישט זיכער געווען, אַז אין דעם שטאָטישן אַרכיוו וועלן זיי בלייבן גאַנץ. איך האָב גערעכנט אַזוי: פון די ביידע ערטער – וועט אפשר אין איין אָרט זיך אויפהיטן.

# מרדכי ראָלניק

## 1899־1996

צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע: צוויי טעכטער און איידעמס, 8 אייניקלעך און 8 אור־אייניקלעך – טרויערן מיר אויפן גרויסן פאַרלוסט.

זיך געווידמעט אַ לעבן דער צוויי־שפּראַכיקער קולטור אַלס לערער און וועגווייזער; און דערצויגן אַ פאַמיליע געווידמעט די זעלבע אידעאַלן.

**כבוד זיין אָנדענק!**

**וואָלטער און שולמית זאַלצמאַן**
**יחיאל און רחל אינפעלד**
**יוסף און יהודית גאָלדהאָר**

קאַלישער לאַנדסמאַנשאַפט און אומגעגנט בראַנטש 361, אַ. ר.

דריקט אויס זייער טיפסטן טרויער צו דער פאַמיליע לובעלסקי צוליבן טויט פון

# מאַלי לובעלסקי־האַרטשיק

**זי איז געווען אַ פירערין אין דער באַוועגונג צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער אידישער שפּראַך און אַ כלל־טוערין, וואָס איז נישטאָ איר גלייכן.**

**מיר וועלן זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן!**

פאַרן קאָמיטעט:

**אברהם רונדבאַקען**

